**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע איניציאטיוון צו שטיצן די וואוקס פון אגריקולטורישע עדזשוקעישען אין ניו יארק

***נאכפאלגנדיג ניו יארק'ס סאמע ערשטע אגריקולטור יונגווארג קאנפערענץ, אנאנסירט די גאווערנער די אוועקשטעלונג פון די Blue-Ribbon פאנעל***

***קאנפערענץ ברענגט רעזולטאטן פון גאווערנער האקול'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע איניציאטיוו צו גיבן פאר ניו יארקע שילער מער עדזשוקעישען, פירערשאפט און טרענירונג געלעגנהייטן אין אגריקולטור***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די אוועקשטעלונג פון די נייע Blue-Ribbon פאנעל צו שטופן פאר עדזשוקעישען אין אגריקולטורישע און נאך אינוועסטירונגען צו פארמערן אגריקולטורישע עדזשוקעישען און שטיצן פירערשאפט דורך יונגווארג נאכפאלגנדיג די סטעיט'ס סאמע ערשטע יונגווארג אגריקולטור קאנפערענץ (Youth Agriculture Conference). די קאנפערענץ, וואס איז פארגעקומען מיטוואך און דאנערשטאג ביי די Empire State Plaza אין אלבאני, האט צוזאמגעברענגט נאענט צו 300 היי סקול שילער וואס באטייליגן זיך אין די FFA, 4-H און אין די נאציאנאלע געזעלשאפט פאר מינאריטעטן אין אגריקולטור, נאטורליכע קוועלער און פארבינדענע וויסנשאפטן (National Society for Minorities in Agriculture, Natural Resources and Related Sciences). די שילער זענען געקומען פון אריבער די סטעיט צו טרעפן געלעגנהייטן פאר יונגווארג זיך צו באטייליגן אין אגריקולטור אויף אן אופן וואס שפיגלט אפ די אינדוסטריע'ס צוקונפטיגע ארבעטסקראפט באדערפענישן.

"אלס א געוועזענע שילערין אין 4-H, פארשטיי איך די וויכטיגקייט פון אגריקולטורישע עדזשוקעישען פאר יונגווארג און ווי ווערטפול דאס איז ביים זיכער מאכן אז מיר האבן א שטארקע, לעבהאפטיגע אגריקולטורישע אינדוסטריע", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט נאך פינאנצירונג ווערנדיג צוגעשטעלט צו שטיצן קריטישע פראגראמען און מיט א נייע Blue Ribbon פאנעל וואס וועט זיך באנעמען מיט שוועריגקייטן און טרעפן נייע געלעגנהייטן אין די פעלד — וועלן מיר אויספלאסטערן א קלארע וועג פאראויס פאר אונזער קומענדיגער דור פון אגריקולטורישע פירער, צוזאמברענגענדיג יונגע מענטשן פון יעדע ווינקל פון אונזער ניו יארק סטעיט."

סטעיט אגריקולטור דעפארטמענט קאמישאנער, Richard A. Ball (ריטשארד א. באל), האט אנגעהויבן די קאנפערענץ, בשותפות מיט די Cornell University College of Agriculture and Life Sciences'ס ניו יארק אגריקולטור עדזשוקעישען און אריינציאונג (New York Agriculture Education and Outreach) פראגראם. די צוויי-טאגיגע קאנפערענץ איז באשטאנען פון סעסיעס אין קלענערע גרופעס און ווארקשאפס צו גיבן ניו יארקע שילער די געלעגנהייט צו פארבינדן ווערן מיט סטעיט פירער און בעסער פארשטיין וויאזוי פאליסי פארעמט אויס די פארצווייגטע און פארבינדענע עסנווארג,

אגריקולטור און נאטורליכע קוועלער אינדוסטריעס. שילער זענען איבערגעגאנגען די פילע שוועריגקייטן און מעגליכקייטן אין די אינדוסטריעס, זיי האבן זיך פארבינדן מיט אנדערע שילער און פראפעסיאנאלן אין באציאונג צו זייערע אייגענע אינטערעסן, און זיי האבן אנטדעקט די פארשידנארטיגע רייע פון קאריערע מעגליכקייטן אין אגריקולטור.

נאכפאלגנדיג די ערשטע טאג פון אפהאנדלונגען, האט די גאווערנער אנאנסירט די אוועקשטעלונג פון א Blue-Ribbon פאנעל צו פאראויס שטופן אגריקולטור עדזשוקעישען, וואס וועט צוזאמברענגען פארמישטע קערפערשאפטן פון די עסנווארג און אגריקולטור אינדוסטריעס, חינוך מוסדות און מחנכים צו אויסארבעטן א וועג צו פארשטערקערן אגריקולטור עדזשוקעישען און שטיצן די פילפאכיגע באדערפענישן פון די ארבעטסקראפט אין די פעלד. די פאנעל וועט ארבעטן צוזאמען, יעדער איינער דורך זייער ארגאניזאציע, צו איבערקוקן די פילע געלעגנהייטן צו מחנך זיין די היינטיגע יונגווארג אין אונזער עסנווארג און אגריקולטור סיסטעם; באטראכטן די שטרויכלונגען און געלעגנהייטן צו פארמערן אגריקולטור עדזשוקעישען אין סקולס; איבערקוקן אגריקולטורישע לערער סערטיפיקאציע; און שטיצן אגריקולטור און עסנווארג ארבעטסקראפט סיסטעמען. די פאנעל וועט ארויסגעבן א באריכט פאר די גאווערנער אדרעסירנדיג די אנגעלעגנהייטן און פארלייגנדיג די קומענדיגע שריט.

אין צוגאב האט די גאווערנער אנאנסירט אז $50,000 וועט צוגעשטעלט ווערן פאר דעם סטעיט-ברייטן 4-H פראגראם ביי Cornell University, א טייל פון Cornell Cooperative Extension, פאר סטראטעגישע פלאנירונג וואס וועט צוזאמברענגען סטעיט רעגירונג איינגעשטעלטע, קאונטי פירערשאפט און יונגווארג צו אראפלייגן די הויפט ראלע וואס 4-H וועט שפילן ביים אנגרייטן ניו יארק'ס יונגווארג פאר די קומענדיגע 10 יאר. אזוי ווי 4-H אין ניו יארק זעצט פאר זיך צו אנטוויקלען צו נאכקומען די אנטוויקלנדע באדערפענישן פון יונגע מענטשן, אריינרעכענענדיג דאס זיך צופאסן צו נייע צייטן און פלעצער זיי צו באגלייטן, וועט דער פראצעדור ערלויבן 4-H צו איבערקוקן אירע שטארקייטן און געלעגנהייטן, פארשטיין די טוישנדע באדערפענישן פון די היינטיגע יונגווארג און אוועקשטעלן א פלאן צו אריינברענגען 4-H אין די קומענדיגע צען יאר פון קאריערע און פירערשאפט אנטוויקלונג אין ניו יארק.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור דעפארטמענט קאמישאנער, Richard A. Ball (ריטשארד א. באל), האט געזאגט,** "איך בין אזוי דערפרייט צו זיין א טייל פון די סאמע ערשטע אגריקולטור יונגווארג קאנפערענץ וואס ברענגט צוזאם הונדערטע שילער פון אלע ווינקלען פון ניו יארק וועלכע האבן אן אנשטעקיגע געפיהל און באגייסטערונג פאר אגריקולטור. עס איז דא א געוואלדיגע שוואונג דא ביי די סטעיט רעגירונג, אנגעפירט דורך אונזער גאווערנער, צו אינוועסטירן אין אגריקולטורישע עדזשוקעישען און צו שטיצן פירערשאפט אריבער אלע אונזערע אגריקולטורישע יונגווארג ארגאניזאציעס. די קאנפערענץ גיבט פאר אונזערע יונגע מענטשן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן איינער מיט די אנדערע, מיטטיילן זייערע געדאנקען און העלפן אויספלאסטערן א וועג פאראויס פאר א שטארקע, שטאנדהאפטיגע אגריקולטורישע אינדוסטריע פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**סטעיט סענאטארשע Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "די וועג צו א שטארקע עקאנאמיע און א פארזיכערטע עסנווארג סופליי איז דירעקט פארבינדן מיט די וועג וויאזוי מיר, אלס א סטעיט, העלפן דעם קומענדיגן דור זיך צו אוועקשטעלן צו טרייבן ניו יארק'ס פארשידנארטיגע אגריקולטורישע סעקטארן און אינדוסטריעס אויף פאראויס. די געדאנקען און אפהאנדלונגען וועלכע זענען ארויפגעקומען ביי ניו יארק'ס סאמע ערשטע אגריקולטורישע יונגווארג קאנפערענץ זענען קריטיש צו העלפן שילער אנטדעקן וויאזוי זיי קענען ארומדרייען זייערע אינדיווידואלע שאיפות צו ממשיות'דיגע קאריערעס. צוזאמען מיט די אוועקשטעלונג פון די Blue-Ribbon פאנעל און דירעקטע שטיצע פאר סטעיט-ברייטע פירערשאפט פראגראמען, ארבעטן מיר צו אויפבויען א שטארקע יסוד פאר די צוקונפט פון ניו יארקע אגריקולטור און אנגרייטן דעם קומענדיגן דור צו פירן מיט א צוועק."

**אסעמבלי מיטגלידערין Donna Lupardo (דאַנע לופּאַרדאָו) האט געזאגט,** "אגריקולטורישע עדזשוקעישען דורך פראגראמען ווי FFA, 4-H און MANRRS זענען וויכטיג פאר די צוקונפט פון ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע, העלפנדיג אנגרייטן דעם קומענדיגן דור פון חיות דאקטוירים, וויסנשאפטלער, לערער, ביזנעסלייט און פארמער. די יונגווארג פירערשאפט קאנפערענץ ווייזט ארויס אונזער פארפליכטונג צו אן אגריקולטורישע עדזשוקעישען פון א הויכע קוואליטעט; ארבעטנדיג צוזאמען צו אויספלאסטערן די צוקונפט פון ניו יארקע אגריקולטור. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און מיינע קאלעגן פאר די היינטיגע קאנפערענץ און פארן אוועקשטעלן די Blue-Ribbon פאנעל,ביידע פון וועלכע וועלן פארשטערקערן די אינדוסטריע און שטיצן דעם קומענדיגן דור פון אגריקולטורישע פירער."

**אסאָוסיעט דיען פון לאנד גרענט אנגעלעגנהייטן און דירעקטארין פון פראקטישע פארשונג פראגראמען ביי Cornell University o'College of Agriculture and Life Sciences (CALS), Julie Suarez (דזשולי סוואַרעז), האט געזאגט,** "Cornell CALS טרעגירט שוין ניו יארק'ס אגריקולטורישע און ענווייראמענטאלע פירער זינט אונזער קאלעדזש איז געגרונדעט געווארן. מיר זענען באעהרט זיך צו באטייליגן אין די קאנפערענץ צוזאמען מיט אונזערע SUNY און ניו יארק סטעיט שותפים — און מיר זענען פול מיט ענערגיע צו ארויפבויען אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס פארפליכטונג צו אויפלעבן אגריקולטורישע עדזשוקעישען אין אונזערע שטאטישע, סאָב-אורבען און שטעטלישע קאמיוניטיס. איך בין אזוי דאנקבאר פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אפהאלטן די וויכטיגע געשעעניש, צוזאמברענגענדיג אונזערע יעצטיגע און צוקונפטיגע אגריקולטורישע פירער צו צוזאמען שאפן די צוקונפט פון ניו יארקע עסנווארג און אויפקומען מיט נייע וועגן און קאריערע געלעגנהייטן פאר ניו יארק סטעיט יונגווארג."

**Cornell Cooperative Extension Associate דיען און דירעקטאר, Andy Turner (ענדי טוירנער), האט געזאגט,** "די קאנפערענץ ברענגט צוזאם אונזערע צוקונפטיגע פירער צוזאמען מיט די יעצטיגע פירער אין רעגירונג, עדזשוקעישען און אינדוסטריע צו טראכטן און טרוימען איבער ניו יארק'ס עסנווארג, אגריקולטור און נאטור-באזירטע עקאנאמיע און איבער די ראלע וואס די היינטיגע יונגווארג וועט שפילן ביים בויען און אונטערהאלטן דעם חזון. דאס צוזאמברענגען יונגווארג פון אלע ווינקלען פון די סטעיט מיט פארשידענע ערפארונגען און פארבינדונגען צו אונזער עסנווארג סיסטעם איז געוואלדיג וויכטיג. איך טראכט אז מיר וועלן צוריקקוקן אויף די קאנפערענץ אלס די אנהויב פון א נייע כוואליע פון ערפינדונג און וואוקס פאר אונזערע יונגע פירער און פאר ניו יארק סטעיט."

**Cornell Cooperative Extension צייטווייליגע NYS 4-H יונגווארג אנטוויקלונג פראגראם פירערין, Alexa Maille (אלעקסא מעילי), האט געזאגט,** "די ניו יארקע יונגווארג אגריקולטור פירערשאפט קאנפערענץ איז אן אייגנארטיגע געלעגנהייט צו אויפפלאמען פינקען אין יונגווארג פאר ארבעט אין אגריקולטור און עסנווארג סיסטעמען. עס איז געוואלדיג צו צוזעהן די פרייד פון יונגע פירער פון אריבער די סטעיט זיך צוזאמקומענדיג איינער מיטן אנדערן און מיט ערוואקסענע פירער אזוי ווי זיי טיילן מיט זייער ליבשאפט פאר עסנווארג סיסטעמען און ארבעטן צוזאמען צו שאפן א בליהענדע צוקונפט."

**New York FFA דירעקטארין, Juleah Tolosky (דזשוליע טאלאסקי), האט געזאגט,** "די געשעעניש איז א יסוד פאר ניו יארקע יונגווארג פון יעדע קאמיוניטי זיך צוזאמצוקומען און אנטדעקן די צוקונפט פון עסנווארג און אגריקולטור אין אונזער סטעיט. די צוקונפט באלאנגט פאר זיי און וועט ארויסקומען פון זייערע שריט, און עס איז געווען א פריווילעגיע צו ארבעטן בשותפות מיט אגענטורן און מענטשן וועלכע שעצן די ראלע וואס אונזער יונגווארג שפילט אין די הצלחה פון אונזער סטעיט."

**MANRRS'ס CEO, Ebony Webber (עבאני וועבער), האט געזאגט,** "די נאציאנאלע געזעלשאפט פאר MANRRS איז שטאלץ צו שטיצן די ערשטע יונגווארג פירערשאפט קאנפערענץ אין צוזאמענארבעט מיט די NYS דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס (Department of Agriculture and Markets), Junior MANRRS, 4-H און FFA. די דורכבערעכנדע געשעעניש צייכנט אפ א באדייטנדע טריט פאראויס ביים פאראייניגן יונגווארג ארגאניזאציעס צו אינספירירן און גיבן די כלים פאר דעם קומענדיגן דור פון אגריקולטורישע פירער. דורכן אהערשטעלן א פלאטפארמע וואו יונגע מענטשן קענען זיך פארבינדן, לערנען און וואקסן, פלעגן מיר די סקילס און געפיהל וואס פעהלט זיך אויס צו טרייבן שעפערישקייט און פארזיכערן אן אנהאלטבארע צוקונפט פאר אגריקולטור אין ניו יארק סטעיט."

**Cornell University'ס 'ניו יארק אגריקולטור אין די קלאסצימער' דירעקטארין, Katie Carpenter (קעיטי קארפענטער), האט געזאגט,** "די היינטיגע יונגווארג איז נישט נאר די צוקונפט פון אגריקולטור נאר אויך די ערפינדער וועלכע וועלן אויספארעמען א מער באפעסטיגטע, שטאנדהאפטיגע און גערעכטע עסנווארג סיסטעם. די 'ניו יארקע אגריקולטור אין די קלאסצימער' איז שטאלץ צו באפולמעכטיגן יונגע מוחות זיך צו אויסמשל'ן און איינפירן פאראויס-קוקנדע לייזונגען אין אגריקולטור, פון קלימאט-קלוגע שיטות ביז פארגעשריטענע טעכנאלאגיע אריינבויאונג. מיר אינוועסטירן אין א צוקונפט וואו עסנווארג זיכערהייט און ענווייראמענטאלע אחריות גייען האנט ביי האנט, געטריבן דורך די געפיהל און חזון פאר דעם קומענדיגן דור."

ניו יארק סטעיט האט צוגעזעהן באדייטנדע וואוקס אין אגריקולטור עדזשוקעישען און FFA פראגראמען אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע יאר. זינט 2016 איז די צאל אגריקולטורישע לערער געוואקסן מיט איבער 75 פראצענט, מיט א סך פון 437 מחנכים אריבער די סטעיט. אין צוגאב זענען ניו יארק'ס FFA ברענטשעס און מיטגלידערשאפט פאר צו וואקסן, מיט א סך הכל פון 209 FFA ברענטשעס וועקגעשטעלט אריבער ניו יארק היינט. עס זענען יעצט דא פינף MANRRS קאלעדזש אפטיילונגען אריבער די סטעיט, ארויף פון בלויז צוויי אין 2022, און איין אפטיילונג פאר קינדער ביי די John Bowne High School אין ניו יארק סיטי. היינט איז אויך דא א 4-H פראגראם אין אלע 62 קאונטיס אין ניו יארק סטעיט, צושטעלנדיג חינוך'דיגע געלעגנהייטן פאר יונגע מענטשן וואס זענען אינטערעסירט אין אגריקולטור אין יעדע ווינקל פון די סטעיט.

די גאווערנער'ס 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 בויען ארויף אויף די ארבעט דורכן פארזעצן צו גיבן פריאריטעט פאר אינוועסטירונגען אין אגריקולטורישע עדזשוקעישען כדי צו שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און זיכער מאכן אז אגריקולטור בלייבט א מוצלח'דיגע אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט. די בודזשעט האט אריינגערעכנט $250,000 אין פינאנצירונג פאר די קאנפערענץ; 1.25 מיליאן דאלאר צו שטיצן די New York FFA; $50,000 צו שטיצן וועקגעשטעלטע ברענטשעס פון די ניו יארק 'מינאריטעטן אין אגריקולטור, נאטורליכע קוועלער און פארבינדענע וויסנשאפטן' (Minorities in Agriculture, Natural Resources and Related Sciences, MANRRS) און צו עפענען נייע ברענטשעס; און $500,000 צו שטיצן דעם 'ניו יארקע אגריקולטור אין די קלאסצימער' (New York Agriculture in the Classroom) פראגראם און צו פארמערן די צאל פון אגריקולטורישע מחנכים אין די סטעיט. אין צוגאב, איז $250,000 אריינגעלייגט געווארן צו שטיצן שטאטישע אגריקולטורישע עדזשוקעישען. צוזאמען העלפן די פראגראמען נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג פאר אגריקולטורישע חינוך אריבער ניו יארק.

**איבער די קאנפערענץ שותפים**

די [New York FFA](https://) איז אן ארגאניזאציע וואס שטרעבט צו אנגרייטן יונגע מענטשן פאר קאריערעס און פאר לעבנס מיט די נויטיגע כלים צו מאכן ריכטיגע באשלוסן אלס אנטיילנעמער אין די עקאנאמיע און אלס בירגער. דורך קאנפערענסעס, פארמעסטן און באלוינונג פראגראמען, שטרעבט צו באקענען שולערס וואס

קומען פון כל מיני פלעצער מיט די צוגענגליכע קעריערס און פראבלעמען וואס וועלן האבן א השפעה אויף זייער צוקומפט. דורכ'ן אנטוויקלען אינטערעסען און פעאיגקייטן, זענען מיר אזוי א געטרייע שטיקל פון די טאלאנט פייפליין פאר קעריערס אין אגריקולטור, עסנווארג סייענס, נאטורליכע ריסאורסעס פארוואלטונג, קראפט, סטרוקטורישע און טעכנישע סיסטעמס און נאך.

4-H איז אמעריקע'ס גרעסטע יונגווארג אנטוויקלונג ארגאניזאציע, אויסשטאטנדיג נאענט צו זעקס מיליאן יונגע מענטשן מיט די סקילס צו קענען זיין פירער זייער גאנצע לעבן. אין 4-H פראגראמען, פירן קינדער און צענערלינגען דורך אקטיווע פראיעקטן אין פעלדער ווי געזונטהייט, וויסנשאפט, אגריקולטור און בירגערליכע אנטיילנעמונג אין א פאזיטיווע אטמאספערע וואו זיי באקומען הדרכה פון ערוואקסענע באגלייטער און וואו זיי ווערן געמוטיגט צו אננעמען אקטיווע פירערשאפט ראלעס.

MANRRS איז א נאציאנאלע ארגאניזאציע וואס נעמט אויף מיטגלידער וואס קומען פון אלע ראסישע און אפשטאמיגע קרייזן זיך צו באטייליגן אין אגריקולטורישע און פארבינדענע וויסנשאפט קאריערעס. MANRRS אפפערט שולערס געלעגנהייטן צו פארבעסערן זייער פירערשאפט און ארגאניזירונג און פאבריק רעדע פעאיגקייטן, און צו באקומען פראפעסיניעלע אנאליזן פון געלערנטע ארבעט אין א "באנוץ-פריינטליכע" סביבה. דער Junior MANRRS פראגראם איז אויסגעשטעלט צו אינספירירן שילער אין 7-12 קלאס צו גיין אין קאלעדזש און צו ארבעטן פאר א קאריערע אין וויסנשאפט, טעכנאלאגיע, אינדזשענירונג, אגריקולטורישע און מאטעמאטישע פעלדער (science, technology, engineering, agricultural and mathematics, STEAM).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן